NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13098

# KINDER-LIDER

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

י. ל. פּערעץ

# קינדער־לידער



פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1937



# י. ל. פּערעץ

# קינדער-לידער

פאַרלאַג „עמעס“ ★ מאָסקווע 1937

Printed in Soviet

1/17686

צייכענונגען, שבוץ-טיטלען און פּאָרזאַץ —
אלעקסאנדער קאָראָטקין

# פונ פארלאג

אינ דער דאָזיקער זאמלונג האָבנ מיר אײַנגעשלאָסנ דעם גרעסטנ טײל פונ י. ל. פּערעצעס קינדער־לידער.

די טעקסטנ פונ די לידער זײַנענ אינ גרונט אײַנגעהיט געוואָרנ לויטנ אָריגינאַל. בלויז אינ אײניקע פונ זײ זײַנענ ארײַנגעטראָגנ געוואָרנ קלײנע רעדאקציאָנעלע ענדערונגענ, קעדײ צו מאכנ זײ פארשטענדלעכ פאר אונדזערע סאָוועטישע קינדער.



# פֿיר צײַטן
# פֿון יאָר



# פרילינג

## 1

דער פרילינג איז געקומענ!
נעמט דעמ פרילינג אופ.
מיט א ליד דעמ ליבנ גאסט,
טיר אונ פענצטער מאכט אימ אופ!
קלינג־קלאנג אינ דער לופט,
אונ פונ בלימעלעכ דער דופט!

## 2

גראָזנ שפּראָצנ, ס׳שפּראָצנ בלומענ,
פייגל פּיפּצנ, טויבנ ברומענ,
ס׳קלינגט דאָס וואסערל דערפרייט:
פרילינג־צייט! פרילינג־צייט!
עס קלינגט אונ זינגט, פלוישט אונ ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!



פרילינג קומט אף אלע וועגן, —
לויפט דעם ליבן גאַסט אנטקעגן!
לויפט צום וואלד, לויפט צום פעלד,
אומעטום א פרייַע וועלט!
עס קלינגט און זינגט, פלוישט און ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

# אינעמ פרישנ גרינעמ מײַ...

אינעמ פרישנ גרינעמ מײַ,
אײנס־צװײ! אײנס־צװײַ!
מיר מארשירנ טריט בא טריט!
די קעפ ארופ, די בליקנ פעסט!
אונ די ברוסט ארויסגעפרעסט!
מיר פאַרכטנ זיכ פאַר קײנעמ ניט.

דעמ רעכטנ פוס, דעמ לינקנ פוס,
װער באַגעגנט, מײַדנ מוז!
פעסטע ברײטע טריט געשטעלט!
אונ געעטעמט טיפ אונ פרײַ
אינעמ פרישנ גרינעמ מײַ!
אונדזער איז די פרײַע װעלט!





## דער פויגל

אפ א בוימ אינ גרינעמ וואלד
א וווּנדערלעכער פויגל שאלט:
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!

איז א ייִנגל צוגעלאָפנ,
אונ דער פויגל איז אנטלאָפנ,
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!

— וואָס אנטלויפסטו? — ס׳ייִנגל שרײַט. —
נישט געוואָלט דיר טאָנ קיינ לייד,
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!

כ׳בעט דיכ, פויגל, פויגל, בלײַב!
אונ דער פויגל: איכ נישט גלייב!
טרא־לא־לא, טרא־לא־לא!



## קראַנצן פלעכטן

— ווילט איר זינגען, ווילט איר טאַנצן,
אָדער ווילט איר פלעכטן קראַנצן?
— יאָ, מיר ווילן פלעכטן קראַנצן
פאַר טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער...
— אַלזאָ, שטילער, אָן געוודער!
זעצט אײַך, קינדער, זעצט אנידער!

נאַט אײַך בלומען גאַנצע בינטן:
רויזן, ליליען, היאַצינטן.

*(ווײַזט איינציקווײַז, די קינדער רופן אָן)*

רויזן, ליליען, היאַצינטן!
ווילט איר פײַן די אַרבעט פירן,
מוזט איר אַלע דרײַ קאָלירן —
עס זאָל פאַסן — האַרמאָנירן!



# דער שיפער

ס'האָט דער רעגן אופגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,
נאָר די דעכער זײַנען נאס,
רינען טײַכעלעך אין גאס,
רינען, רינען, רינען!

כ'האָב מײַן שיפעלע געפונען,
אפן וואסער עס געלאָזט,
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט,
יאָגט מײַן שיפעלע געשווינד
אף די פליגל פונעם ווינט.—

פלי דיר, פלי, מײַן שיפעלע!
און וווהין פליסטו, שיפעלע?
— צו דער פרײַער וועלט, אהין,
ווו ס'איז ליכטיק, ווו ס'איז גרין,
פויגל זינגט, בלימל בליט.—
— שיפל, שיפל, נעם מיך מיט!





# שטייט א בארנבוימ

שטייט א בארנבוימ אינ סאָד,
טראָגט ער בארנ — ערדס גענאָד!
לויפנ קינד־אונ־קייט אהינ,
נאָר די בארנ זייַנענ גרינ!
ווער ס׳וויל בארנ,
דער מוז הארנ!
ווערסט קיינ בוימל איבערשפּארנ!
אונ דאָס בארנבוימל זאָגט:
שלאָפנ גייט אייַכ ביז עס טאָגט!
דענ איר האָט נישט וואָס צו זאָרגנ,
כ׳מאכ זיי רויט אונ זאפטיק מאָרגנ!
ווער ס׳וויל בארנ,
דער מוז הארנ, —
ס׳וועט דאָס בוימל נישט גענארנ!
אוי, מייַנ קינד האָט בארנ האָלט,
מאָרגנ — בארעלעכ ווי גאָלד!
הער זשע, וואָס דאָס בוימל זאָגט,
רויק שלאָפ דיר ביז עס טאָגט!
ווער ס׳וויל בארנ,
דער מוז הארנ, —
ווערסט קיינ בוימל איבערשפּארנ!

# האַרבסט

קאַלטע גראָע וואָלקנ ציִענ,
אונ אוועק פייגלעכ פליִענ
צום וויַטנ לאַנד! אהינ, אהינ,
ווּ ליכטיק, וואַרעם איז אונ גרינ...
שטיל וועט זיַנ אָנ זאַנג אונ קלאַנג,
פליט איַב, פליט, נאָר נישט-אפ לאַנג!
אָנ אונדז, קינדער, נישט פאַרגעסט!

אונ פאַרביַ נאָר שניי אונ פרעסט,
אינעם זעלבנ אויגנבליק
קומט צוריק, קומט צוריק!



# אין שליטן צו די עסקימאָסן

— מאמע, מאמע, זײַ געזונט!
איך שליטל זיך אוועק!
וווּ די וועלט נאָר האָט אן עק, —
צו די עסקימאָסן!

— און וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?
— אײַ, וואָס דאָרטן טאָן איך וועל?
איך וועל קליידן זיך אין פעל,
טראָגן וואסער־שטיוול!

— אָבער, קינד מײַנס, דאָרט איז קאלט!
דאָרט איז אייביק שניי און אײַז!
— שאט נישט, מאמעשי, איך ווייס!
איך מאך א שטיבל מיר פון שניי!

— עס איז פינצטער אָן א פענצטער!
— איך שיס א וואלפיש מיט א פײַל,
און נעם בא אים צום לעמפל אייל,
טאָג און נאכט דאָס לעמפל ברענט!

— וואָס ווּעסטו טאָן א גאנצן טאָג?
— ארבעט איז גענוג פאראן.
איך כאפ א רענטיר און איך שפאן
אין שליטל אײַן, און יאָג!



# ווינטער

1

קלאפנ, קלאפנ, קלאפנ,
פונ די דעכער אפ די צאפנ,
נאר אינ מויל אריינ נישט כאפנ!
ווייל עס איז דאס אייז נישט ריינ,
נישט געכאפט אינ מויל אריינ!

2

אפנ דארנ צווייגעלע
וואס שרייסט אזוי, דו פויגעלע?
— כ'בינ הונגעריק, כ'בינ הונגעריק,
קיינ קערנדל אפ פיק־פיק־פיק!

שפרינג אראפ נאר, שפרינג אראפ,
מיטנ שנעבל זוכ אונ גראב
דיר א קערנדל אינ שניי,
וואס ער האט באהאלטנ דיר געטריי!



ווינטער קלאפּט אין טיר,
ווינטער פּויקט אין פענצטער:
פיר ברידער זײַנען מיר,
איך — דער שענסטער!

און ער זינגט זײַן אייגן ליד:
ווינטער איבער אַלע צײַטן!
ווער נאָך מאָלט אײַך אויס א שויב
מיט די זילבערנע קווייטן?

ווער מאכט ווײַס א שווארצן דאך?
ווער מיט פּוך די ערד באשיצט?
איז נישט שניי א פײַנע זאך?
מיט בריליאנטן ווער נאָך בליצט?

עס גיט אמאָל דער ווינט א קוויטש,-
אונ עס ווערט א נעזל רויט!
אָדער ווער נאָכ האָט א גליטש?—
דאָס קאָנ טרייסטנ אינ א נויט!

דו רייַב נאָר אויס דעמ גליטש מיט שניי
אונ א גוטנ שוסטער כאכ,
לערנ דיכ קונצנ אלערליי,
ווי א פויגל פלי אונ לאכ!

אונ איז א ייִנגל נאָר בישט פייל,
איז דער שניי א גרויסע גאָב!
מאכט א מענטשל, מאכט א קויל,
מיט א שליטל בארג־אראָפּ!





# ארבעט







# דער סקולפּטאָר

איך זיצ נישט לײדיק אינ דער הײמ.  
האָב איך צײַט נאָר, נעמ איך לײמ,  
קלעפּ איך מיר א מײַזל אויס,  
מאכ א פויגעלע דערויס,  
פונ פויגעלע, נישט לאנג געטראכט,  
ווערט א ציגעלע געמאכט,

כ׳מאכ א מענטשעלע דערפונ!  
אונ וואָס איך וויל! אונ אפ דער זונ  
טריקנ איך מײַנ ארבעט אויס:  
מענטש, אונ ציג, קאצ אונ מויז,  
וואָס איך זע נאָר אפ דער וועלט, —  
אונ אינ פענצטער אויסגעשטעלט.





# דער סטאָליער

ציש, ציש, ציש, —
דער סטאָליער מאַכט אַ טיש!
ווי ער הובלט פײַנ און גלאַט,
און שוינ פאַרטיק איז דער בלאַט!
ציר, ציר, ציר —
דער טאָקער אינ דער צווייטער טיר!
און ער אויכ נישט לײדיק זיצט,
מאַכט די פיס, ווי אויסגעשניצט!
ציר, ציר, ציר, ציש, ציש —
פונ פיס און בלאַט ווערט אַ טיש!





# דער שמיד

איך האָב צו טאָן אין שמידעריַי,
און דו, בלאָזזאַק, שטיי מיר ביַי!
ציִ זיך אויס און ציִ זיך־איַין,
אינעם פיַיער פאָך אריַין
און צעפלאַקער מיר די קוילן,
וויַיל די קוילן איז באַפוילן,
מיר דאָס איַיזן צו צעגליִען,
כ׳זאָל פון איַיזן נעגל ציִען...
אָט איז דאָס איַיזן שוין צעהיצט
און אין צוואַנג בא מיר שוין זיצט,
און אַפּן אַמבאָס ליגט עס שוין!
ציַנדערט העלף מיר, האַמער־קרוין!

פאַלן זאָלן זעץ, ווי האָגל!
גיִב א נאָגל, נאָך א נאָגל!
און וואָס פאַרטיק, איז נאָך שלאָפּ, —
אריַין אין קאַלטן וואַסער־שאָפּ!
ציש, ציש, ציש! צוויי, דריַי מאָל,
און איז שטאַרק שוין, ווי א שטאָל!

# די וועשנ

ליאַליע, ליאַליע, נאָר נישט וויינ,
כ׳לאָז דיכ א מינוט אליינ!
מיר זיינען אופגעשטאנענ שפעט,
אונ איכ האָב צו וואשנ גרעט.

ווי לאַנג, אז כ׳האָב דיכ אויסגעפוצט?
האָסטו אַלעס שוינ פאַרשמוצט! -
אי באַם טרינקענ אי באַם נאַשנ,
מוז איכ וואשנ, וואשנ, וואשנ!
האָסט עס אָנגעשמוצט א ביסל,
קויטיק גרעט א פולע שיסל:
אי טיכעלעכ אי זעקעלעכ,
אונ העמדעלעכ, אונ יאַקעלעכ...

דאָס איז ווייכ אונ יענצ איז שטייפ —
דאַרפנ וועל איכ מאַכנ זייפ!
כ׳מוז די וועש נאָכ מאַכנ נאַסער,
קאָלזמאַנ ס׳איז נאָכ הייס דאָס וואַסער,
גיסנ ווייסעכצ פונ דער פלאַש...
אונ איכ וואַש, אונ איכ וואַש!
אויסגעזייפט אונ אָפּגעשווענקט
אונ אַפ א שנירל אופגעהענגט,
ס׳זאָל געשווינדער טרוקנ ווערנ!

זאָלסט מיר, ליאַליע, נאָר נישט שטערבנ !
וויל נישט טרינקענ, וויל נישט עסנ,
א רעגעלע אָנ מיר פארגעסנ,—
וועל איכ פרעסנ, פרעסנ, פרעסנ !



# דאָס גערטל

אוי, איכ וועל א פרייד דערלעבנ!
מיר אינ גאָרטנ אָפגעגעבנ
א בייט א גאנצע, שוואַרצע ערד,—
פויגעלעכ, איר הערט?

געאַקערט דורכ האָב איכ די בייט
אונ מיט בלימלעכ אויסגעזייט,—
א בלימל נאָכ א בלימל שפראָצט,—
פויגעלעכ, איר גלאָצט?

בלעטלעכ זויבער איכ גענוי,
דער הימל—נישט געקארגט קיינ טוי,
וואקסנ בלימעלעכ, ווי גאָלד,—
איר האָט זיי האָלט?

שפּרינגט אײַכ, פויגעלעכ, אונ היפּט,
נאָר קײנ בלעטעלעכ געציפּט!
קײנ שאָדנ ניט געמאכט בא מיר,
פויגעלעכ, קײנ ריר!

לאָזט זײ בליִענ, לאָזט זײ שמעקנ,
אניט, איר זעט,—כ'האָב א שטעקנ
אונ צעיאָג אײַכ, אויב איר שטערט!
פויגעלעכ, איר הערט?!





# וויג-לידער





1

שטייט א בוימעלע אינ פעלד,
האָט עס גרינע צווײַגעלעכ...
שטייט דערופ א פויגעלע,
מאכט עס צו די אויגעלעכ!

אפ די גרינע צווײַגעלעכ
וואקסט א גאָלדנ עפּעלע!
מאכט צו מײַנ קינד די אויגעלעכ —
געזונט זאָל זײַנ קעפּעלע!

2

שלאָפ, מײַנ קינדעלע, שלאָפ!
דער פּאסטעכ פירט אהיימ די שאָפ!
ער האָט די שאָפ אהיימ געבראכט
אונ דאָס שטעלעכל פארמאכט...

נאָכ א ביסל זאלצ געלעקט,
נאָכ א ביסל שטיל געבלעקט...
לאמטערל ווארפט א שטילע שײַנ,
אונ די שעפלעכ דרימלענ אײַנ,

פונ א גאנצנ טאָג שוינ מיד!
דו, אינ דרויסנ, הינטל, היט!
הינטל, היט, נאָר דו נישט ביל!
איכ, שעפעלע, שוינ שלאָפנ וויל!

3

קעצעלע, שטיל!
מײַזעלע, שטיל!
מײַן אויצערל
שוין שלאָפֿן וויל!

קעלבעלע, קעלבעלע,
נישט געמעקט,
און מײַן אויצערל
נישט געוועקט!

וויעווע נישט,
דו, ווינטעלע!
שטילער, שטילער,
הינטעלע!

אין מויל פֿאַרבײַס
דאָס צינגעלע, —
שלאָפֿן וויל
מײַן יינגעלע!





4

אפ די גרינע צווײַגעלעכ
שלאָפנ זאָלט איר, פױגעלעכ!
אינ וואסערל — די פישעלעכ —
אפ די גרינע קישעלעכ!
האלט דעמ אָטעמ אײַנ, דו ווינט!
אײַ־ליו־ליו־ליו! שלאָפ, מײַנ קינד!

5

ס'נעסטל ווייכ אויסגעבעט,
די שנעבעלעכ שוינ אָפּגעגלעט,
שטיל, די אויגעלעכ — פארמאכט!
פױגעלעכ, אַ גוטע נאכט!

דאָס קעלבעלע אינ שטעלעכל
נורעט אײַנ דאָס פעלעכל
אינעמ שטרוי, ס'זאָל וואַרעמ זײַנ,
שלאָפט עס אײַנ, שלאָפט עס אײַנ!

ס׳ליגט דאָס הינטל שטיל אין בויד,
און דאָס-העזל אינעם קרויט,
אין שטאַל באַם קליינעם פערדעלע, —
ס׳ציגל מיטן בערדעלע!

איבער די קאַץ, שוין אָפּגעלעקט,
אַפן אויוון — אויסגעשטרעקט,
אינעם קוימען זינגט די גריל
זיך אַ וויג-ליד אין דער שטיל...

קיין געטומל, קיין געווימל,
די לעוואָנע שווימט אין הימל!
שטערנדלעך — זיי רוקן זיך,
זיי זעען דיך און גריסן דיך!



## 6

פײַנער דופט פון גערטל ציט,
שטייט א רויטער מאַן, צעבליט!
אונטער דער שויב — א רויטע פאַן!
עס קוקט אַרײַן דער רויטער מאַן!
שנעל דיך, קינד מײַנס, צוגעדעקט,
קיין פיסעלע ארויסגעשטעקט!..
עס איז קיל, און ס'איז שוין שפּעט.
און ווען דער רויטער מאַן דערזעט
א נאַקעט פיסעלע באנאכט?
דער רויטער מאַן וואָלט רויט געלאכט...

מע וואָלט דערהערט אין טויבנשלאק!
און די טויב — א פלוידערזאק!
מאָרגן פרי די טויב זיך אײַלט
און אַלע פויגעלעך פארציילט!
מע קאָן דאָך נישט אזוינס פארשווײַגן:
ציפּ־ציפּ־ציפּ! אַפּ אַלע צווײַגן.
א נאקעט פיסל, עפּשער צוויי?
אײַ־אײַ־אײַ! אײַ־אײַ־אײַ!

אפן גרינעם בערגעלע
וואקסט א יונג בוימעלע
וויל דאָס בוימעלע נישט שלאָפן!

די לעוואָנע טוט עס שטראָפן: —
צײַט צו דרעמלען, בוימעלע,
אפן גרינעם בערגעלע!

אזוי זאָגן אויך די שטערן,
נאָר דאָס בוימל וויל נישט הערן!
וויל נישט צומאכן די אויגן!

איז א ווינטל צוגעפלויגן:
בוימל, בוימל, רויק זײַן!
און שאָקלט עס און וויגט עס אײַן!

וויגט אהער, וויגט אהין,
שלאָפן מוז א בוימל גרין!



דרימלט איַין דאָס בוימעלע
אפּן גרינעם בערגעלע;
אפּן גרינעם בערגעלע
דרימלט איַין דאָס בוימעלע!

# ווינטער־צײַט

שלאָף, מײַן קינד, עס איז שוין שפּעט!
ווינטערמאָג אין דרויסן טרעט!

אין ווײַסן מאַנטל טרעט דער גרײַז,
פאַרבט אונדז אַלע דעכער ווײַס!

אויפן פרישן געוויײַסטן דאַך·
שטייען קראָען נאָך א סאַך!

און זיי קראַקען: קראַ־קראַ־קראַ...
און אײַנגעשלאָפן אַלע, שאַ!



# שפּילנ



# באָל־שפּיל

1

צו דער וואַנט!
שפּרינג צוריק!
אין אויגנבליק
צו דער וואַנט!

צו דער וואַנט!
צוריק צו מיר!
איינס און צוויי,
דרײַ און פיר!

פינף און זעקס,
שטאַרקער קלאַפּ!
איך וואַרף און כאַפּ,
וואַרף און כאַפּ!

אַהין — צוריק!
זיבן, אַכט!
דאָס מײַסטערשטיק
איז אָפּגעמאַכט!





2

בעלעכל, בעלעכל! צו דער וואנט,
איכ — א פעטשל מיט דער האנט,
אונ געכאפט אינ אויגנבליק!

צינד פאמש איכ נאָכ איינס אונ צוויי
אונ שפרינג אונטער נאָכ דערביי
אונ כאפ דיכ, בעלעכל, צוריק!

3

צינד מיט קויעכ
צומ באלקנ הויכ!
צוריק אראָפ
אונ שלאָג זיכ אָפ
קאפויר אונ שפרינג
צומ באלקנ פלינק!
אונ צו דער ערד
צוריקגעקערט!
ארופ — אראָפ!
אראָפ — ארופ!
איכ כאפ דיכ
אינדערלופטנ אופ!

4

צו דער ערד! צו דער ערד!
צו דער האַנט צוריקגעקערט!
דו שפּרינג, — איך שלאָג, —
דו ווייַטער יאָג!
דו קאַרג קיין מי,
אַלץ ווייַטער פֿלי!

5

איך צו דיר,
דו צו מיר!
און צינד נאָכאַמאָל, ווי פֿריִער!
פֿון מיר א גרוס,
פֿון דיר א גרוס!
אַזוי פֿליט עס אָן א שיר!

דיר געשענקט,
צו מיר געלענקט!
איינס און צוויי, דרייַ און פֿיר!
און נישט געטראַכט,
נאָר שנעל געמאַכט!
פֿינף, זעקס, זיבן, אַכט!



מיט פעסטנ בליק —
אהינ־צוריק
דערגייט ביז צענ —
א מייסטערשטיק!

6

מיט דער לינקער האנט געקלאפּט,
מיט דער רעכטער האנט געכאפּט!

מיט דער רעכטער ווארפט זיכ פלינקער,
מוז מענ כאפּנ מיט דער לינקער!

ציגדערט גייט שוינ גאָר נישט שלעכט, —
רעכטס אונ לינקס גלייכ בארעכט:

אונ עס גייט אלצ פלינקער, פלינקער!
מיט דער רעכטער, מיט דער לינקער!



7

אפ אלע זייטנ פונ דער וועלט
דריי איכ מיכ מיט דיר ארומ,
אונ איכ ווארפ דיכ אינדערלופטנ
אונ איכ כאפּ דיכ אומעטומ!



אפ אלע זײַטנ װארפ איכ דיכ!
מיזרעכ, מײַרעװ, צאָפנ, דאָרעמ!
װיל איכ, גײסטו דורכ אנ אָרעמ,
װיל איכ, גײסטו דורכ די קני!

נאָר געפלױגנ, נאָר געפלױגנ,
יאָג איכ דורכנ עלנבױגנ,
צי איכ יאָג דיכ דורכ די קני —
פלי נאָר, פלי!



8

פלינקער! פלינקער! ריר זיכ, ריר!
איכ — צו דיר אונ דו — צו מיר!
צו דער זעלבער צײַט געקלאפט;
אינ דער זעלבער צײַט געכאפט!
א פױגל פליט פונ האנט צו האנט,
אזױ שפילנ מיר באנאנד!
אונ דערשפילנ מיר ביז צענ,
װעט א מײַסטערשטיק געשענ!



## באלאגערונג

מאכט א ראָד, פלינק א ראָד:
מיר באלאגערן א שטאָט!
שוועבן, שוועבן! שוועבן, שוועבן!
די פעסטונג מוז זיך אונטערגעבן!

אָפגעשטעלט זיך! העלד בא העלד!
פײַלנבויגן אויסגעשטעלט!
א צי, א לאָז — פליט די פײַל,
טרעפט זי אפ א גאנצע מײַל!

צינד זאָל שאלן די טראָמפּייט,
פון דער קעסל־פויק באגלייט:
טרא־רא־רא! בום־בום־בום!
פעסטער נעמט די שטאָט ארום!

אײַנגעפאלן איז דער מויער:
ארײַנגעריסן זיך אין טויער!
בום־בום! טארא, טארא!
הורא! הורא! הורא!



# יעגער־ אונ האָזנ־שפּיל

די ראָד

(ארום קינד, וואָס שטייט אינ דער מיט מיט פּארבונדענע אויגעלעכ).

ניִשט געשרעקט זיכ, העזלעכ־קינדער !
זעט, דער יעגער איז א בלינדער !
שיינ א יעגערל אזא !
כא־כא־כא ! כא־כא־כא !
מיט די הענטלעכ טוט ער טאפּנ,
ניינ, ער וועט קיינ העזל כאפּנ !

דער יעגער

(כאפּט עמעצנ)

איכ האָב עמעצנ דערטאפּט !

שפּיל־פירער

אָבער וועמענ אָנגעכאפּט?
זאָג אונדז שנעל, אויב דו־ווייסט,
ווי ס׳געכאפּטע העזל הייסט ?

(אז דער יעגער טרעפט ניִשט)

ניינ־ניינ־ניינ! צום ערשטנ מאָל !

(אז דער יעגער פעלט ווידער)

ניינ-ניינ-ניינ ! צום צווייטנ מאָל !

(אז ווידער ניִשט געטראָפנ)

צום לעצטן מאָל — צום דריטן מאָל!
נישט געטראָפן, נישט געטראָפן!
דרײַ מאָל פעלן איז צופיל,
אפסנײַ מוז גיין די שפּיל!
און איר, העזלעך, זיך צעלאָפן,
זיך צעשפּרייט אפ בארג און טאָל!
לויפט נאָר שנעלער, לײַכטער, גרינגער,
אפ די שפּיצן פון די פינגער...

(צום יעגער)

גוילעם, שטיי נישט אפ אן אָרט!
א העזל דאָ, א העזל דאָרט!
לויף, טאַפּ,
יאָג און כאַפּ,
עפּשער וועסטו טרעפן פאָרט!

(עס כאַזערט זיך איבער ביז דער יעגער טרעפט).

יעגער

איך האָב דערטאַפּט!

שפּיל-פירער

אָבער וועמען אָנגעכאַפּט?

(יעגער זאָגט)

שפּיל-פירער

ער האָט דערשפּירט מיטן נעזל,
פון יעגער ווערט א העזל,
און פון העזעלע — פארקערט...
און די שפּיל — נישט אופגעהערט!

# א רעטעניש

אלע זייגערס ווײַזנ די שטונדנ גייענדיק.
וועלכע ווײַזנ שטייענדיק? (דער זונ-זייגער)
זאָג מיר נאָכ אצינד,
וועלכער זייגער רינט? (א זאמד-זייגער)
פֿאראנ זייגערס, וואָס קלינגענ,
אנדערע שפּילנ, נאָכ אנדערע זינגענ,
עלעקטרישע שפּרינגענ!
פאראנ א זייגער, וואָס צו דער סעקונדע,
קומט ארויס א קוקו יעדע שטונדע
אונ מאכט קו־קו, קו־קו! צוויי, דרײַ מאָל,
אונ נאָכ מיט קונצנ אָנ א צאָל!





הינטעלע
ציקעלע
העזעלע







## דאָס הינטעלע

דאָס קליינע הינטעלע איז דומ,
דרייט זיכ אלצ ארומ אונ ארומ,
וויל זײַנ אייגענעמ שאָטנ כאַפנ
אונ ער קאָנ אימ נישט דערטאפנ !

## די טויבן

טײַבעלעך פֿליִען אין זונען־גלאַנץ...
פֿלעכט זיך, פֿלעכט, טויבן־קראַנץ!
שוואַרץ און ווײַס, אַראָפּ, אַרופֿ —
שפּילט אײַך, טוקט אײַך אָן א כאָפּ!



# טויבן אין טויבנשלאק

## 1

וווערט נאָר טאָג אין טויבן־הויז —
פליגל קלאפּן: לאָזט ארויס!
קוים זיך אופגעכאפּט פון דרימל,
שוין א בענקעניש צום הימל!
ווור, ווור, ווור, וואר, וואר, וואר!
לענגער זיצן איז א צאר!

אופגעמאכט דעם טויבנשלאק,
און ארויס — סאק און פּאק!
וויגט זיך, וויגט אין זונען־גלאנץ,
שטיפט און שפּילט דער טויבן־קראנץ.
פרו־פרו־פרו! פרו־פרו־פרו!
פריי די וועלט, דער הימל בלאָ!

גענוג דאָס טויבנ־הארצ געקוויקט,
גענוג אינ לופטנ זיכ געטיקט!
דענ די זונ שוינ אונטערגייט
אונ קערנדלעכ שוינ אפנ ברעט!
ווייצ אונ וויקע, ווייצ אונ וויקע!
פּיקע־פּיקע! פּיקע־פּיקע־פּיקע!

2

אונ צינד אריײַנ, הוש־הוש!
שיקט דער זונ דעם לעצטנ קוש!
צומ הימל נאָכ א בליק געכאפּט,
דער טויבנשלאק ווערט צוגעקלאפּט!
דורכ דער צוגעמאכטער טיר:
וואר־וואר־וואר! וויר־וויר־וויר!

ווערט געפּלוישט, ווערט פארציילט,
ווו געוועזנ, ווו געווײַלט,
וואָס אינ הימל, וואָס אפ דר׳ערד,
וואָס א טויב נאָר זעט אונ הערט!
ברומ־ברומ! ברומ־ברומ!
פארנ שלאָפנ א געברומ!



# ציקעלע

מײַנ ציקעלע אינ שטעלעכל
ציטערט מיטנ פעלעכל.
באלד פרימאָרגנ אופגעוועקט,
אונ ווי טרויעריק עס בלעקט
בלע.. בלע...

מײַנ ציקעלע, מײַנ ציקעלע,
צוקער ווילסטו א שטיקעלע?
פונ דער האנט עס צוקער לעקט
אונ נאָכ טרויעריקער געבלעקט
בלע... בלע...

ס'האָט מײַנ ציקעלע דערפילט,
אז די זונ אינ דרויסנ שפּילט,
ס'האָט די זומער־לופט דערשמעקט
אונ דערומ עס טרויעריק בלעקט
בלע... בלע...

אוי, גוט, אוי, גוט! איכ עפנ דיר!
ציקעלע, ארויס פונ טיר,
ס'האָט דײַנ טפיסע זיכ געעקט!
ווי מײַנ ציקל פרײלעכ בלעקט
בלע.. בלע...

# ענטלעכ

זעט באָר, זעט, ענטלעכ שווימענ,
ענטלעכ שווימענ אפנ טײַכ,
מיט די קעפּלעכ אינעמ וואסער,
מיט די עקלעכ אינ דער הייכ!

אז געננוג זיכ אָפּגעבאָדנ
אונ די קעפּלעכ אָפּגעטוקט, —
צו דער פרישער גרינער לאָנקע
זיכ פונ טײַכ ארויסגעריקט!

אפ דער פרישער גרינער לאָנקע
מאכנ ענטלעכ א שפּאציר,
זיכ אהער, אהינ געוואקלט
אפנ ענטישנ מאניר!

אפ דער טריקעניש צו גײנ
איז דאָס ענטל נישט געשיקט.
הוש! אונ באלד צוריק צומ װאסער,
זיכ געבאָדנ אונ געטיקט!



# די בין

## 1

בינעלע! בינעלע קוקט זיך נישט אום!
נאָר זום, זום, זום! זום, זום, זום!
פון קווייט צו קווייט געפלויגן ראַש,
דאָ א זופּ, דאָרט א נאַש!
ס'קעפּל טיף אַרײַנגעשטעקט,
און נאָך א טראָפּן אויסגעלעקט...
און פול, — אהיים געפלויגן ווערט,
און דעם אויצער אויסגעלערט.
דערפון דער האָניק ווערט געמאַכט
אויסגעלערט, נישט לאַנג געטראַכט —
און ארויס: דער טאָג — נאָך גרויס;
און שטענדיק אַלץ: אַרײַן־אַרויס!



2

בינעלע, בינעלע — זום, זום, זום!
און פליט ארום פון בלום-צו בלום,
פון בלום צו בלום, פון קווייט צו קווייט
און זויגט זיך אויס די פליסיקייט.

בינעלע, האָפּ! בינעלע, האָפּ!
שנעל אינעם בעכער אריין מיטן קאָפּ!
דערנאָך אהיים און האָניק מאַך, —
האָניק איז א גוטע זאַך!

3

בינעלע, בינעלע, האָניק מאכ!
נאָר דעמ בינענשטאָק באוואכ!
פאר..י א בער, פאראנ א בער,
וואָס ער ליבט דעמ האָניק זייער!

ווענ ער א בינענשטאָק דערשמעקט —
א שפרונג! די צונג — ארויסגעשטעקט!
פליגק, ארויס! בינענ, ארויס!
דעמ גאזלענ שטעכט די אויגנ אויס!





# דאָס העזעלע

ליגט א העזעלע אינ קרויט,
העזל קיינעמ נישט געטרויט;
שלאָפט, קיינ אויג נישט צוגעמאכט,—
יעגער נאָכ זייַנ לעבנ טראכט!

יעגער שטיל אינ פעלד זיכ שלייַכט,
ביז ער האָט דאָס קרויט דערגרייכט.
פיפ־פאפ! נישט געטראָפנ!
לאנג דאָס העזל שוינ אנטלאָפנ!

ס'האָט דערשמעקט אימ מיטנ נעזל,
ערגעצ אנדערש שלאָפט דאָס העזל,
שלאָפט, קיינ אויג נישט צוגעמאכט.
העזלע, א גוטע נאכט!

יעגערל נישט שיסנ וויל,
אָפגעגאנגענ אינ דער שטיל!
נאָכ זייַנ לעבנ מער נישט טראכט,
א גוטע נאכט! א גוטע נאכט!

# דער פראָש

קוואקעמאנ — דיק אונ ברייט,
מיט דער קײַלעכדיקער באָז,
געמיטלעכ זיצט אָוונט־צײַט
אפנ פרישנ, גרינעמ גראָז!
זיצט זיכ גלאנציק ווי א ליאק,
זינגט זיכ: קווא, קוואקא, קוואק!

א גאנצנ טאָג זיכ אָנגעמיט,
איז שוינ צײַט צו שלאָפנ גייג, —
זינגט ער זיכ זײַנ אָוונט־ליד,
אונ ער מיינט, ס׳איז וווּנדער־שיינ...
אונ ער בלאָזט זיכ, ווי א זאק:
קווא, קווא, קווא! קוואקע — קוואק!

ער מיינט, די זונ, וואָס אונטערגייט,
מיט גרויס גענוס זײַנ לידל הערט,
אונ קעדיי זי אימ נאָכ בעסער זעט,
צו דער זונ זיכ אומגעקערט
מיטנ גלאנציק גרינעמ פראק —
קווא, קווא, קוואק! קוואקע -- קוואק!



# אפן פערדל





1

## אפנ פערדל פארנ שלאָפ

— פערדעלע, שפאנ! פערדעלע, שפאנ!
רײַטנ וויל מײַנ רײַטערמאנ!
געריטנ אונ — געבליבנ שטײנ,
ס׳פערדל וויל נישט ווײַטער גײנ!

— וואָס האָסטו, פערדעלע, דערזענ,
וואָס דו ווילסט נישט ווײַטער גײנ?
— א וואסערל! איכ וויל א טרונק!
פויע איכ אָנ דאָס פערדל פלינק!

— ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער רײַט!
געריטנ אָפ א היפשע צײַט,
געריטנ אונ — געבליבנ שטײנ,
ס׳פערדל וויל נישט ווײַטער גײנ!

— וואָס האָסטו, פערדעלע, דערזען,
וואָס דו ווילסט נישט ווײַטער גײן?
— אוי, אַ לאָנקע צופּט אין נעזל.
— כאַפּ אַ גרעזל, צופּ אַ גרעזל!

אָפּגעגעסן? ווײַטער רײַט!
געריטן אָפּ אַ היפּשע צײַט!
געריטן און געבליבן שטײן, —
ס׳פערדל וויל נישט ווײַטער גײן!

— וואָס האָסטו, פערדעלע, דערזען,
וואָס דו ווילסט נישט ווײַטער גײן?
— אַ שלאַנגבאַן! אַ שלאַנגבאַן!
אין בעט אַרײַן, דו רײַטערמאַן!



## דער יעגער

יאנקעלע וויל א יעגער זײַנ,
יאנקעלע וויל אינ וואלד ארײַנ,
שיסנ וויל ער נאָר א בער!
— ווּ נעמט מענ געווער?

אונדזער יאנקעלע דערזעט —
אינ א ווינקעלע א בעזעמ שטייט!
מיטנ בעזעמ וועט ער יאָגנ,
אונ א גרויסנ בער דערשלאָגנ!
ער קאָנ אינ שטוב שוינ מער נישט בלײַבנ!
וויל דעמ בעזעמ אונטערהייבנ,
שווערער בעזעמ קערט זיכ איבער
אונ דער יעגער פאלט אריבער!

נישט קיינ בער אונ נישט קיינ האָז,
אונ צעשלאָגנ זיכ די נאָז!
ער וויל שוינ נישט אינ וואלד ארײַנ,
ער וויל שוינ נישט קיינ יעגער זײַנ!

# עטעלע

זאָג מיר, עטעלע, מײַן גאָלד,
וואָס האָסטו פֿײַנט, וואָס האָסטו האָלט?
בלײַבט זי שטײן, ווי צעמישט,
עטל שווײַגט און ענטפֿערט נישט.
דאָך ווייסן אַלע, ווי מיר שײַנט,
וואָס עטעלע האָט ליב און פֿײַנט!

ליב האָט אונדזער עטעלע
צו ליגן לאַנג אין בעטעלע.
פֿײַנט האָט זי נאָר אויפֿצושטײן,
אויב באַנאַכט דאָס שלאָפֿן גײן...

ליב האָט עטעלע צו נאַשן,
פֿײַנט — דאָס פּענעמל צו וואַשן.
קנאַקן ניסלעך? גאָר נישט פֿויל;
פֿײַנט צו שווענקען אויס דאָס מויל!

אויך ליבט זי זייער פּוטער־זעמל
און קאָן נישט אָנקוקן דאָס קעמל.
לערנען — מאָרגן, נאָר נישט הײַנט!
דאָס איז אַלעס, ווי מיר שײַנט!





# קאצ
# אונ
# מויז





# ווּ דאָס מײַזל וווינט

איכ פרעג דאָס מײַזל:
— ווּ איז דײַנ הײַזל?
אונ דאָס מײַזל ענטפערט מיר:
— איכ האָב נישט קײנ סאָד פאר דיר!
נאָר דער קאצ דו זאָג נישט אויס,
דאָס ווערגעלע ווייסט נאָר — כיק!
כאָטש צומ גליק
איכ בינ א מײַזעלע א פלינקס!
זעסטו, דאָרט אינ ווינקל, לינקס
אונ דערנאָכטנ רעכטס א ביסל,
אײנ טריט גלײַכ, צוויי טריט קרומ.
אונ אינ דער ברײט, אונ קוק זיכ אומ,
ווּעסטו זענ א טירל קלײנ,
דאָרטנ איז דאָס הײַזל מײַנ!
עס ליגט א בערגעלע דערופ!
א טרעפ אראָפ אונ דרײַ ארופ,
אונ אפ לינקס נאָכ א טרעפל —
אונ דו ביסט א גאסט בא מיר.
נאָר געדענק, בויג אײַנ דאָס קעפל,
ווײַל ס'איז נידעריק די טיר.





# קאצ אונ מויז

די קאצ איז אינ שטוב אלייב,
ליגט אפנ קוימענ, לעקט זיכ אונ וואשט:
א ווײַסע קאצ — קוימ עפעס געגאשט —
לעקט זי זיכ אָפּ אונ וואשט זיכ ריינ...
אָפּגעלעקט אונ אויסגעצויגנ,
מיט יאכעס פינקלענ אירע אויגנ;
מע וועט דערקענענ? — וועט זי שווערנ!
(וועט מענ דארפנ — פעלט קיינ טרערנ!)
„איכ — געקעכצ?!
כ'זאָל אזוי ניט וויסנ פונ קיינ שלעכטס!
דאָס איז פאר מײַנ שוואכ מעגעלע סאמ
ס'היבטל, מינאסטאמ!

טפו, טפו! — וועט זי טאָנ א שפּײַ —.
אונ מיטנ קעפּל: אײַ, אײַ, אײַ,
וואָס א בייז הינטל קענ!
נישט צו באשרײַבנ מיט קיינ פּענ!"
אזוי דאָס אַטלעס־ווײַסע קעצל טראכט.
פּלוצלינג — אינ אויג א פינקל!
פונ ערגעצ — אהא, פונ רעכטנ ווינקל: —
האָט א מײַזל שטיל א פּיפּצ געמאכט!
אלזאָ, איז עס דאָרט?!
אונ אפּסנײַ זיכ באלעקט
אונ אראָפּ פונ הויכנ אָרט,
צומ ווינקל־צו זיכ אויסגעשטרעקט,
א ביסל אפּ דער זײַט, א ביסל קאפּויער,
אונ אויסגעשפּיצט דאָס אויער!
„פּיפּצ" — דאָס אויער האָט נישט גענארט,
ליגט די קאצ שטיל, פּארשטארט
אונ ווארט:
דאָ וועט עס זײַנ צווישנ די שפּאלטנ!

ליגט, ו ,מ אָטעמ אײַנגעהאלטנ,
א מינוט, צוויי, עפּשער נאָכ,—
קײנ צייכנ מער פונ מײַזנ־לאָכ...
„דערפילט!״—
מאכט זי צערטלעכ, הארציק־שטיל:
„מײַזעלע שפּאצירנ וויל?״
אונ עס שפּילט
איר א הארפּע אינ דער קעל!
„מײַזעלע וויל צוקער־מעל?—
אפנ דיל איז אויסגעשיט!״
...יזל־לעכל ענטפערט ניט!
...ייט, ווי פונ א טויבנ־הארצ, א ברומ:
„מײַזעלע, שפּאצירנ קומ!
א זונ — א מעכײַע!״
— וועסט נישט פויעלנ, ווילדע כײַע!—
פּיפּצט מענ איר פונ מײַזנ־לאָכ:—

ערשט געגאשט, ווילסטו נאָך?
און מע לאכט: קראַץ־ווערגעלע
וויל אָנכאפּן באַם גערגעלע? —
אַ פײַג, אַ פײַג!
אַלטע כוינעפּטע, פארשוויַג!
און די קאַץ: „כאַסוועשאָלעם!
נישט קיין פּיסרען, נישט קיין כאָלעם!
כ׳עס קיין פלייש, גאָט ווייסט, ווי לאַנג!
ווייסט איר דען נישט? איך בין קראַנק!
איר ווייסט נישט? ביין?
קומט און זעט: הויט און ביין!
און אין האַרץ שטעכט אַזוי!
אוי־אוי־אוי! אוי־אוי־אוי!
איך אַליין שוין שטאַרבן וויל!”
אין מײַזל־לעכל ווערט שוין שטיל...



הערט די קאַץ נישט אוף צו קלאָגן:
„זאָל עמעץ מיט מיר ווידע זאָגן!
כ׳הויב דאָך די נעשאָמע אויס!"...
פון לעכל קיינער קומט ארויס...
א מיצווע וואָלט געוויס געווען...
דאָך קיינער וואגט ארויסצוגיין...
א ראכמאָנעס, דאָך א קאַץ!
א געפאר אויך, ווען זי עקט!
גויסעט, — און זי גיט א קראַץ,
שוין א מײַזל — אויסגעשטרעקט!

די קאָמעדיע ווערט געשטײַגערט:
— קומט, דערלעבט כאָטש א נעקאָמע!
ס׳איז אײַער קאַץ געפייגערט!
ניט איך רייד, נאָר מײַן נעשאָמע!
ברענגט מיך כאָטש צו דער אדאָמע!
כ׳האָב געזינדיקט, איך ווייס אליין,
נאָר וואַרפט מיך ניט אין מיסט ארײַן!

דאָס מײַנ־הארצ עס האַלט נישט אויס,
אַלע — ארויס!
א לעווײַע מאכנ, א קייווער גראָבנ!
א מײַזל וויל א מיצווע האָבנ!
אונ מע זעט דאָכ: אויסגעשטרעקט!
ווירקלע [illegible]ט די קאצ געעקט!
פאָרט א נעפעש, פאָרט א שאָד!
מע מאכט ארומ דער קאצ א ראָד,
מע מאכט דאָס רעדל ענג [illegible] ענגער
אונ מיט א זיפצ אונ מיט [illegible]יר
אונדזער קעצל ווערט נישט [illegible]ענגער,
א שפרונג אהינ, א שפרונג אהער...
וואָס האָט איר, קינדערלעכ, צו זאָרגנ, —
אוואדע מײַזלעכ צענ דערוואָרגנ!



און איר, קינדערלעכ, פאַרשרײַבט
אינ די העפטנ אָט דעמ זאצ:
קײנ פרומער קאצ
נישט געגלויבט!



# אינהאלט:


זײַט

פון פארלאג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 5

**פיר צײַטן פון יאָר**

פרילינג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 9
אינעם פרישן גרינעם מײַ... . . . . . . . . . . . . . 11
דער פויגל . . . . . . . . . . . . . . . . . . 12
קראנצן פלעכטן . . . . . . . . . . . . . . . . . 13
דער שיפער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 14
שטייט א בארנבוים . . . . . . . . . . . . . . . 15
הארבסט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 16
אין שליטן צו די עסקימאָסן . . . . . . . . . . . . 19
ווינטער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 20

**ארבעט**

דער סקולפטאָר . . . . . . . . . . . . . . . . 29
דער סטאָליער . . . . . . . . . . . . . . . . . 30
דער שמיד . . . . . . . . . . . . . . . . . . 31
די וועשן . . . . . . . . . . . . . . . . . . 32
דאָס גערטל . . . . . . . . . . . . . . . . . 34

**וויג־לידער**

שטייט א בוימעלע אין פעלד... . . . . . . . . . . 39
ווינטער־צײַט . . . . . . . . . . . . . . . . . 46

**שפילן**

באָל־שפיל . . . . . . . . . . . . . . . . . . 49
באלאנסירונג . . . . . . . . . . . . . . . . . 54
יעגער- און האָזן-שפיל . . . . . . . . . . . . . 57
א רעטעניש . . . . . . . . . . . . . . . . . . 59

**הינטעלע, ציקעלע, העזעלע**

דאָס הינטעלע . . . . . . . . . . . . . . . . . 63
די טויבן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 64

טויבן אין טויבנשלאק . . . . . . . . . . . . . . 67
ציקעלע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 69
ענטלעך . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 70
די בין . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 72
דאָס העזעלע . . . . . . . . . . . . . . . . 75
דער פראָש . . . . . . . . . . . . . . . . . . 76


## אפּן פערדל


אפּן פערדל פארן שלאָף . . . . . . . . . . . . . 81
דער יעגער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 83
עסעלע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 84


## קאַץ און מויז


יוו דאָס כּיזל וויינט . . . . . . . . . . . . . 89
קאַץ און מויז . . . . . . . . . . . . . . . . . 90

Рисунки художника А. Короткина
Редактор—Л. Гольдберг
Технический редактор—М. Погостер
Корректор — А. Кенигсберг
Сдано в набор 27|IV—1937 г.
Подписано к печати 27|VI—1937 г.
Ф. б. 72X105 $^{1}|_{16}$. $6^{1}/_{4}$ п. л.
Уполном Главлита Б—9924
Цена 6 р. 25 коп.
Переплет 1 р. 75 коп.
Тип. „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9.
„Эмес" 55. зак № 350.
Тираж 5.000

Цена 7 р. 25 коп.

И. Л. ПЕРЕЦ

СТИХИ

ДЛЯ

ДЕТЕЙ

Издательство «Эмес»
Москва ☆ 1937